**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/1/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול שטעלט אויף נייע מעדיקעיד פארמאסי בענעפיט פראגראם איבערן סטעיט**

***לאנג-ערווארטעטע אריבערגאנג צו NYRx שטעלט צו פאר אכט מיליאן מיטגלידער פארברייטערטע צוטריט צו פרעסקריפשען מעדיצינען ביי מער פון 5,000 פארמאסיס איבערן סטעיט***

***טויש אינוועסטירט מער 705 מיליאן דאלאר אין מעדיקעיד פינאנצירונג דירעקט פאר 340b פראָווײדערס, אריינרעכענענדיג פאר 'רייען ווייט' HIV/AIDS פראגראמען, פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערן און שפיטעלער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אויפגעשטעלט NYRx, די סטעיט'ס נייע פארמאסי בענעפיט פראגראם וואס וועט פארבעסערן צוטריט צו פרעסקריפּשען מעדיצינען און דעקונג פאר אכט מיליאן ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד איבערן סטעיט. די לאנג-ערווארטעטע אריבערגאנג וועט ערמעגליכן מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד צו באקומען מער פרעסקריפּשען מעדיצינען מיט ווייניגער באגרעניצונגען, עס וועט רעדוצירן די אומקלארקייט איבער די ברענד-נעים און דזשענעריק מעדיצינען וועלכע ווערן געדעקט דורך דעם פראגראם, און עס וועט שאפן די גרעסטע פארמאסי נעטווארק אין ניו יארק סטעיט.

"די היינטיגע אריבערגאנג צו NYRx לוינט זיך די מערסטע פאר די ניו יארקער וועלכע זענען אנגעוויזן אויף מעדיקעיד צו באקומען אפּאָרדעבעל פרעסקריפשען מעדיצין," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "אין צוגאב צום פארברייטערן דעקונג און צוטריט דורך דעם פראגראם, זאגן מיר אויך צו הונדערטע מיליאנען צוגעלייגטע מעדיקעיד דאלארן וועלכע וועלן צוריק אינוועסטירט ווערן אין קריטישע פראָווײדערס, אריינרעכענענדיג אין 'רייען ווייט' פראגראמען און פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערן, צו זיכער מאכן אז די טויש ווערט געטוהן אויף א געשליפענעם אופן און אז עס האט א פאזיטיווע השפעה אריבער אונזער גאנצע סטעיט."

אונטער די NYRx מאדעל וועט ניו יארק סטעיט'ס מעדיקעיד פראגראם באצאלן פאר פארמאסי קאסטן דירעקטערהייט, אזוי אז עס וועט מער נישט אויספעהלן צו האבן מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס וועלכע זאלן גיבן די בענעפיט דורך פארמאסי בענעפיט מענעדזשערס. די נייע פראצעדור מאכט דאס צוריקצאלונג פאר פארמאסיס מער דורכזיכטיג, איינשפאנענדיג די סטעיט'ס כוח צו פארהאנדלען מיט דראג פאבריצירער, און עס מאכט דאס גיבן מעדיצינען מער געשליפן פאר דאקטוירים.

NYRx פארבעסערט אויך דעקונג פאר מענטשן וועלכע באקומען מעדיקעיד דורכן עפענען צוטריט צו א נעטווארק איבערן סטעיט פון מער פון 5,000 פארמאסיס. אין צוגאב, וועט א ליסטע אראפגעשריבן ווערן מיט די טויש פון אלע ברענד-נעים און דזשענעריק מעדיצינען וועלכע ווערן געדעקט אונטער דעם

פראגראם, אריינרעכנענדיג אלע FDA-באשטעטיגטע מעדיצינען, וועלכע וועלן פארברייטערן די דעקונג פון פרעסקריפּשען מעדיצין פאר מענטשן מיט מעדיקעיד.

אין צוגאב וועט NYRx אויך מאכן די פראצעדור גרינגער פאר די דאקטוירים. אנשאטאט דארפן דורכשוויצן פארשידענע רעגולאציעס און באגרעניצונגען צו קענען באקומען דעקונג אונטער מענעדזשד קעיר ארגאניזאציעס, וועלן פארמאסיסטן און דאקטוירים קענען פארשרייבן מעדיצין פאר מענטשן באזירט אויף אן איינהייטליכע ליסטע וואס איז ווייניגער באגרעניצט און וואס געפונט זיך אונטער די אויפזיכט פון אן אומאפהעניגע פובליק באורד פון עקספערטן.

**צייטווייליגער העלט דעפּארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די היינטיגע טויש צוריקצוגיין צו א פארמאסי בענעפיט מאדעל וואו מען באצאלט פער סערוויס איז די ריכטיגע שריט פאר ניו יארק, און עס פארזיכערט אז אלע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט וועלן האבן אנגייענדע צוטריט צו ביליגע פרעסקריפּשען מעדיצינען. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע איבערגעגעבנקייט אלץ א קעמפערין פאר ניו יארק'ס פארשידנארטיגע קאמיוניטיס, און איך בין אין פולשטענדיגע שטיצע פון איר פארשלאג צו צולייגן נאך 705 מיליאן דאלאר אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו ווערן געגעבן פאר די סטעיט'ס נאנ-פראפיט ארגאניזאציעס און שפיטעלער – אריינרעכענענדיג פאר 'רייען ווייט' צענטערן וועלכע דינען פאציענטן וועלכע זענען איינגעשריבן אין HIV/AIDS פראגראמען – מיט די געלטער וואס זיי דארפן צו קענען ווייטער אפפערן די קריטישע סערוויסעס פאר טייל פון די סטעיט'ס שוואכסטע באפעלקערונגען."

**ניו יארק סטעיט מעדיקעיד דירעקטאר, אמיר באסירי, האט געזאגט,** "די אכט מיליאן ניו יארקער וועלכע זענען איינגעשריבן אין מעדיקעיד וועלן באקומען זייערע זעלבע פרעסקריפּשען מעדיצינען ווי ביז היינט, נאר פון יעצט וועלן זיי עס קענען באקומען פון א גרעסערע נעטווארק פון פארמאסיס און צוגעלייגטע קאסטן און מיט ווייניגער באגרעניצונגען און ווייניגער אומקלארקייט פון בעפאר. מיט די אריבערגאנג וועט אונזער מעדיקעיד פראגראם יעצט באצאלן פאר אלע פארמאסיס דירעקטערהייט אנשטאט זיך צו פארלאזן אויף פארמיטלער מיט ביזנעס אינטערעסן וועלכע פירן זיך נישט אייביג אויף אין וועגן וואס זענען אין די בעסטע אינטערעס פון מעדיקעיד מיטגלידער. דאס וועט ברענגען דורכזיכטיגקייט און אויך ווירקזאמקייט וואס וועט ארבעטן פאר די בענעפיט פון אונזערע מיטגלידער און פארזיכערן צוטריט צו פאציענט-צענטרירטע העלט קעיר פון א הויכע קוואליטעט."

באסירי האט ווידערהאלט די פאציענט-צענטרירטע בענעפיטן פון די אריבערגאנג צו די נייע סיסטעם אין א [מיינונג ארטיקל](#) וואס איז פארעפנטליכט געווארן דעם וואך אין די Buffalo News. די אריבערגאנג ווערט אויך געשטיצט דורך פארמאסי-פארבינדענע ארגאניזאציעס און פארשידענע העלט קעיר פראָווײדערס, אריינרעכענענדיג די סטעיט'ס גרעסטע פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטער.

אין ערווארטונג פון דאס איינפירונג פון NYRx האט גאווערנער האקול פארשפראכן 705 מיליאן דאלאר אין מעדיקעיד דאלארן אין איר בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2024 צו פארזיכערן אז b340 העלט קעיר פראָווײדערס וועלכע האבן באקומען קריטישע פינאנצירונג דורך זייערע פארמאסי פראגראמען ווערן נישט נעגאטיוו באטראפן דורך די אריבערגאנג. פון די 705 מיליאן דאלאר אינוועסטירט די בודזשעט צוריק 30 מיליאן דאלאר אין סטעיט מעדיקעיד געלטער פאר 'רייען ווייט' HIV/AIDS פראגראמען, 250 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע מעדיקעיד געלטער אין פעדעראל-קוואליפיצירטע העלט צענטערן און 425 מיליאן דאלאר אין סטעיט און פעדעראלע געלטער פאר שפיטעלער.

צום ערשט אנגענומען אין 2020 אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2021, וועט די אריבערגאנג אויך העלפן אדרעסירן ניו יארק סטעיט'ס שנעלע וואוקס אין מעדיקעיד פארמאסי קאסטן וועלכע זענען ארויפגעטריבן געווארן הויפטזעכליך דורך פארמאסי בענעפיט מענעדזשערס און אנדערע פארמיטלער

אין די פרעסקריפשען מעדיצין סופּליי טשעין. די אריבערגאנג איז אפגעשטופט געווארן אין די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2022 וואס האט פאראויס גערוקט די איינפירונג ביז היינט, אפריל 1, 2023.

מענטשן וואס באקומען מעדיקעיד אדער סתם מענטשן וועלכע האבן פראגן איבער- אדער וועלכע נויטיגן זיך אין הילף מיט NYRx קענען באזוכן די וועבזייטל פון דעם פראגראם, שיקן אן אימעיל צו NYRx@health.ny.gov אדער אנרופן די מעדיקעיד הילף ליניע אויף 1-855-648-1909 אדער די TTY נומער 1-800-662-1220. די הילף ליניע איז אוועילעבעל פון 8 אינדערפרי ביז 8 אוונט, פון מאנטאג ביז פרייטאג, און פון 9 אינדערפרי ביז 1 מיטאג שבת.

די סטעיט העלט דעפּארטמענט האט אויך צוגעגרייט אן אינפארמאציע בלאט אין עטליכע שפראכן פאר די פובליק מיט ענטפערס פאר פארשפרייטע פראגן איבער די אריבערגאנג. נאך אינפארמאציע איז דא צו לייענען אויף די eMedNY וועבזייטל.

**סטעיט סענאטאר דזשעימס סקופּיס האט געזאגט,** "אונטער NYRx וועלן אונזערע שטייער-באצאלנדע בירגער, דאקטוירים און אומאפהענגיגע פארמאסיס סוף כל סוף באקומען די מעדיקעיד נעטווארק וואס קומט זיך זיי שוין פון לאנג. די פאריגע סיסטעם וואלט נישט געקענט אנהאלטן פאר לאנג פון א פינאנציעלע קוק ווינקל און עס איז געווען אומרעכטיג פאר אונזערע העלט קעיר פראפעסיאנאלן וועלכע געפונען זיך אויף אונזער קאמיוניטי'ס פראנט ליניעס, און די געלט וואס וועט איינגעשפארט ווערן דורך די נייע סיסטעם וועט דירעקט צוריק אינוועסטירט ווערן אין אונזערע שפיטעלער און העלט צענטערן צו פארזיכערן די שטערקסטע אריבערגאנג וואס איז נאר מעגליך. די שריט איז א געווינס פאר יעדן איינעם וואס איז פארמישט, חוץ פון די מעדיצין פירמע'ס פארמיטלער וואס וועט מער נישט קענען אויסזאפן די סטעיט'ס שטייער-באצאלנדע בירגער, פאציענטן און פראָווײדערס. איך באדאנק גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אויף די וויכטיגע אנגעלעגנהייט."

**פארמאסיסטס סאָסייעטי פון ניו יארק סטעיט ( Pharmacists Society of the State of New York, PSSNY) פרעזידענט, העדער פערעריס, האט געזאגט,** "די PSSNY איז שטאלץ זיך אנצושליסן מיט אנדערע פארמאסיסטן ביים אנערקענען NYRx און ביים אפשלאגן באמיאונגען עס צו אפשוואכן. די היינטיגע טויש צו NYRx וועט אסאך פארגרינגערן צוטריט פון פאציענטן צו לעבנס-ראטעווענדע מעדיצינען און אנדערע פארמאסי סערוויסעס, סיי אין שטעטלישע געגנטער און סיי אין שטאטישע געגנטער ארום די סטעיט. עס וועט פארמערן די דורכזיכטיגקייט, און מעדיקעיד פאציענטן וועלן האבן בלויז איין מעדיצין סיסטעם און צוטריט צו איינס פון די סטעיט'ס גרעסטע פארמאסי נעטווארקס אינעם לאנד, אזוי אז זיי זאלן קענען נוצן די פארמאסי וואס זיי וועהלן אויס. פאר ניו יארק'ס אכט מיליאן מעדיקעיד פאציענטן איז NYRx די ריכטיגע פּרעסקריפּשען צו נאכקומען זייערע פארמאסי קעיר באדערפענישן."

**קאמיוניטי פארמאסי אסאָסיעישען אָוו ניו יארק סטעיט פרעזידענט, מייקעל דוּטאו, האט געזאגט,** "מיר לויבן איוס גאווערנער האקול און די סטעיט לעגיסלאטור פאר די לעבנס-ראטעווענדע רעפארם צו פארברייטערן צוטריט און קוואליטעט פון פארמאסי קעיר פאר יעדער וואס האט מעדיקעיד. פאציענטן וועלן מער נישט געצווינגען ווערן צו אויספאלגן באגרעניצנדע פארמאסי נעטווארק פאדערונגען וועלכע ווערן פארלאנגט דורך פארמאסי בענעפיט מענעדזשערס, און זיי וועלן אנשטאט דעם האבן איין איינהייטליכע מעדיצין סיסטעם פאר די גאנצע סטעיט וואס דעקט 100 פראצענט פון FDA-באשטעטיגטע מעדיצינען. דאס וועט פארבעסערן די קעיר פאר ניו יארקער אין באזייטיגטע קאמיוניטיס מיט HIV, העפּאטייטיס C, צוקער קראנקהייט, אסטמא, גייסטישע געזונטהייט און דראג באנוץ קראנקהייטן און אנדערע ערנסטע און כראנישע געזונטהייט פראבלעמען."

**Sun River Health טשיף פיינענטשעל אפיסער, דזשעימס סינקאף, האט געזאגט,** "ניו יארק סטעיט'ס NYRx פראגראם עררייכט פילע פון די ציהלן פון דעם b340 פראגראם. די וויכטיגע זאך איז אז די באציאונגען צווישן פאציענט און דאקטאר וועט זיין אומגעשטערט אונטער דעם נייעם פראגראם. Sun River Health באדאנקט גאווערנער האקול פארן אנערקענען די נויט פון אויפהאלטן קריטישע מיטלען צו פארזיכערן אז פאציענטן קענען פארזעצן צו באקומען אפּאָרדעבעל העלטקעיר אן א שטער."

**רפואה העלט צענטער CEO, חני שטערנבערג, האט געזאגט,** "אין לויף פון די פאריגע עטליכע יאר האט ניו יארק סטעיט זיך געמוטשעט מיט פרעצענדענטלאזע שוועריגקייטן ביים צושטעלן העלט קעיר פון א הויכע קוואליטעט און צו פארזיכערן צוטריט צו סערוויסעס פאר די וועלכע דארפן דאס די מערסטע. כאטש עס זענען נאך דא אסאך שטרויכלונגען וועלכע דארפן אדרעסירט ווערן אין די צייט וואס מיר ארבעטן צוזאמען צו עררייכן גלייכקייט אין געזונטהייט, דאך ווילן מיר היינט נעמען די געלעגנהייט צו באדאנקען די גאווערנער'ס אפיס פאר זייער שטיצע און פארן אונטערנעמען קריטישע שריט צו פארזיכערן אנגייענדע קעיר און צוטריט צו סערוויסעס פאר מעדיציניש שוואכערע און באזייטיגטע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט אקאדעמיע פון פאמיליע דאקטוירים ( New York State Academy of Family Physicians), דר. ענדרו סימאונס, האט געזאגט,** "אין נאמען פון אונזערע 6,000 מיטגלידער אריבער די סטעיט, אפלאדירן מיר גאווערנער קעטי האקול און די סטעיט לעגיסלאטארן פארן פארברייטערן צוטריט פון פאציענטן צו פארמאסי קעיר אונטער מעדיקעיד אום אפריל 1. די קריטישע פאליסי, באקאנט אלץ NYRx, וועט מאכן איין סיסטעם צו דעקן אלע FDA-באשטעטיגטע מעדיצינען, מאכן איין רייע כללים פאר דאקטוירים וואס פארשרייבן מעדיצינען צו אויספאלגן צו קענען געבן די נויטיגע דעקונג פאר זייערע פאציענטן און צושטעלן בעסערע צוטריט צו לעבנס-ראטעווענדע באהאנדלונגען פאר מעדיקעיד פאציענטן. מיר לויבן אויס זייער פירערשאפט ביים מאכן די טראנספארמאטיווע טריט אין די ריכטונג פון פארבעסערן העלט קעיר אין אלגעמיין אין ניו יארק סטעיט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418

[זיך ארויסשרייבן]()